# SHTILER, SHTILER שטילער, שטילער

Paroles: Shmerke Kaczerginski (1908-54)
Musique: Alexander Volkoviski (1932- ) qui prendra en Israël le nom d'A. Tamir.
Le poème, de Shmerke appelé parfois Ponar, un village près de Vilnius où des milliers de Juifs furent assassinés, fut composé sur la musique d'Alexander, alors âgé de 11 ans à l'époque, qui avait gagné un concours musical que le Judenrat avait organisé dans le ghetto en 1943.La Viliya (Vilnia) est une rivière traversant Vilnius.

Shtiler, shtiler, lomir shvaygn,
Kvorim vaksn do.
S'hobn zey farflantst di sonim:
Grinen zey tsum blo.

שטילער, שטילער, לאָמיר שווײַגן,
קבֿרים וואַקסן דאָ.
ס´האָבן זיי פֿאַרפֿלאַנצט די שׂונאים:
גרינען זיי צום בלאָ...

S'firn vegn tsu Ponar tsu,
S'firt keyn veg tsurik.
Iz der tate vu farshvundn
Un mit im dos glik.

ס´פֿירן וועגן צו פּאָנאַר צו,
ס´פֿירט קיין וועג צוריק,
איז דער טאַטע ווּ פֿאַרשווּונדן
און מיט אים דאָס גליק...

Shtiler, kind mains, veyn nit,
oytser.
S'helft nit keyn geveyn,
Undzer umglik veln sonim
Say vi nit farshteyn.

שטילער, קינד מײַנס, וויין ניט, אוצר,
ס´העלפֿט ניט קיין געוויין,
אונדזער אומגליק וועלן שׂונאים
סײַ ווי ניט פֿאַרשטיין.

S'hobn breges oykh di yamen,
S'hobn tfises oykhet tsamen,
Nor tsu undzer payn
Keyn bisl shayn,
Keyn bisl shayn.

ס´האָבן ברעגעס אויך די ימען
ס´האָבן תּפֿיסות אויכעט צאַמען,
נאָר צו אונדזער פּײַן
קיין ביסל שײַן,
קיין ביסל שײַן...

Friling oyfn land gekumen,
Un undz harbst gebrakht.
Iz der tog haynt ful mit blumen,
Undz zet nor di nakht.

פֿרילינג אויפֿן לאַנד געקומען,
און אונדז האַרבסט געבראַכט.
איז דער טאָג הײַנט פֿול מיט בלומען,
אונדז זעט נאָר די נאַכט.

Goldikt shoyn der harbst
oyf shtamen,
Blit in undz der tsar;
Blaybt faryosemt vu a mame:

גאָלדיקט שוין דער האַרבסט
אויף שטאַמען,
בליט אין אונדז דער צער,
בלײַבט פֿאַריתומט ווּ אַ מאַמע

S'kind geyt oyf Ponar.
Vi di vilye a geshmidte
T'oykh geyokht in payn,
Tsien kries ayz durkh Lite
Itst in yam arayn.
S'vert der khoyshekh vu
tserunen,
Fun der fintster laykhtn zunen
Rayter, kum geshvind,
Dikh ruft dayn kind,
Dikh ruft dayn kind.

ס´ קינד גייט אויף פּאָנאַר.
ווי די ווילִיע אַ געשמידטע
ט´ אויך געיאָכט אין פּײַן,
ציִען קריִעס אײַז דורך ליטע
איצט אין ים אַרײַן.
ס` ווערט דער חושך ווּו צערונען,
פֿון דער פֿינצטער לײַכטן זונען
רײַטער קום געשווינד,
דיך רופֿט דײַן קינד,
דיך רופֿט דײַן קינד.

Shtiler, shtiler, s'kveln kvaln
Undz in harts arum,
Biz der toyer vet nit faln
Zayn mir muzn shtum.
Frey nit, kind, zikh, s'iz dayn
shmeykhl
Itst far undz farrat.
Zen dem friling zol der soyne
Vi in harbst a blat.
Zol der kval zikh ruik flisn.
Shtiler zay un hof . . .
Mit der frayheyt kumt der tate,
Shlof zhe, kind mayn, shlof.
Vi di vilye a bafrayte,
Vi di beymer grin banayte
Laykht bald frayheyts likht
Oyf dayn gezikht,
Oyf dayn gezikht.

שטילער, שטילער, ס´ קוועלן קוואַלן
אונדז אין האַרץ אַרום'
ביז דער טויער וועט ניט פֿאַלן
זײַן מיר מוזן שטום.
פֿריי ניט, קינד, זיך, ס´ איז דײַן שמייכל
איצט פֿאַר אונדז פֿאַרראַט,
זען דעם פֿרילינג זאָל דער שׂונא,
ווי אין האַרבסט אַ בלאַט.
זאָל דער קוואַל זיך רוִיק פֿליסן,
שטילער זיי און האָף..
מיט דער פֿרײַהייט קומט דער טאַטע,
שלאָף זשע, קינד מײַנס, שלאָף.
ווי די ווילִיע אַ באַפֿרײַטע,
ווי די ביימער גרין
באַנײַטע
לײַכט באַלד פֿרײַהייטס ליכט
אויף דײַן געזיכט,
אויף דײַן געזיכט.